# דברי מוסר והתעוררות

## שהשמיע כ"ק מרן אדמו"ר מוויען שליט"א

**בענין הכנעה לתלמידי חכמים, ועל בזיון כבוד התורה שנתרבה לאחרונה • גודל כח התפלה על כל פרט ופרט • אמונת ה' בכל מצב שנמצא • חינוך הבנים • לימוד תורה בחבורה ובבחינת בכל חודש**

## בתוך דרשת ז' אדר תשע"ה לפ"ק

יוצא לאור ע"י מכון מעדני מלך וויען

## יום פטירתו של רבינו הקדוש

**די** גמרא (כתובות קד) פארציילט די פטירה פון רבינו הקדוש. ההוא יומא דנח נפשיה דרבי, ס'איז געווען דער טאג וואס רבינו הק' איז נסתלק געווארן, גזרו רבנן תעניתא ובעו רחמי, האבן די חכמים גוזר תענית געווען, און מ'זאל בעטן רחמים אז רבינו הק' זאל נישט נסתלק ווערן, אמרי, האט מען געזאגט, כל מאן דאמר נח נפשיה דרבי ידקר בחרב, ווען איינער וועט קומען זאגן אז רבינו הק' איז נסתלק געווארן, זאל מען אים דוקר זיין בחרב. פארציילט די גמרא, רבי האט געהאט א דינסט, זי איז געווען א אשה חשובה (די גמרא ברענגט איר צו ערגץ אנדערש אויכעט), זי איז ארויפגעגאנגען אויפן דאך און זי האט אנגעהויבן מתפלל זיין, און זי האט געזאגט, עליונים מבקשין את רבי והתחתונים מבקשין את רבי, די עליונים אויבן ווילן צונעמען רבינו הק', אונז דארפן מיר אויכעט האבן אונזער רבי'ן, יהי רצון שיכופו תחתונים את העליונים, דער אייבערשטער זאל געבן אז די תחתונים זאלן איבערצווינגען די עליונים אז רבי זאל בלייבן דא ביי אונז.

**כיון** דחזאי כמה זימני דעייל לבית הכסא, וחלץ תפילין, זי האט געזעהן רבינו הק' וואס איז געווען א חולי מעיים, און ווען ער גייט אריין אין בית הכסא האט ער זיך געדארפט אויסטוען די תפילין און צוריק אנטוען, און ער איז שוין געווען אָן כוחות, ס'איז געווען די לעצטע טאג פון די פטירה, וקמצטער, און זי האט געזעהן וויאזוי רבינו הק' איז זיך מצטער, אמרה, האט זי געזאגט, יהי רצון שיכופו עליונים את התחתונים, זאל מען אים צונעמען פון אויבן ער זאל זיך נישט דארפן מצער זיין, די עליונים זאלן איבערצווינגען די תחתונים. ולא הוו שתקי רבנן מלמיבעי רחמי, די חכמים האבן אבער נישט אויפגעגעבן, די חכמים האבן ווייטער געבעטן רחמים אויף רבינו הק', שקלה כוזא, האט זי גענומען א קריגל, שדייא מאיגרא לארעא, און זי האט עס פונעם דאך אראפגעווארפן אונטן, איז געווארן א רעש, אישתיקו מרחמי, האט מען אויפגעהערט צו בעטן רחמים אויף רבינו הק', ונח נפשיה דרבי, איז רבינו הק' נסתלק געווארן.

**איך** וועל נישט אריינגיין יעצט אין דעם ענין וואס דער ר"ן אין מסכת נדרים לערנט פון די גמרא אראפ, אז אויב א חולה איז אזוי שטארק קראנק אז ער פלאגט זיך, מעג מען מתפלל זיין אויף אים אז דער אייבערשטער זאל אים צונעמען, זי האט מתפלל געווען אויף רבינו הק' ווען זי האט געזעהן אז ער איז זיך מצער, שיכופו עליונים את התחתונים, כאטשיק מ'דארף אלעס טוען פאר א מענטש כדי אים צו האלטן ביים לעבן, אבער תפלה איז א צווייטע זאך, תפלה קען מען מתפלל זיין אנדערש אויכעט.

**אבער** די גמרא איז א געוואלדיגע פלא, אויב רבינו הק' איז באמת נסתלק געווארן, ווען מ'קומט זאגן אז נח נפשיה דרבי, איז עס דאך א מציאות אז נח נפשיה דרבי, רבינו הק' איז נישטא, נו וואס זאל מען זיך מונע זיין פון צו פארציילן אז ס'איז נח נפשיה דרבי, אז רבינו הק' ווערט נסתלק זאל מען עס נישט קומען זאגן אין ביהמ"ד אז ער איז נסתלק געווארן. און נישט נאר אז מ'זאל עס נישט קומען זאגן, און ווער ס'וועט עס קומען זאגן, ידקר בחרב, איז ער חייב מיתה. פארוואס קומט מיתה ווען ער פארציילט א זאך וואס איז א מציאות אז רבינו הק' איז נישטא.

**קען** אפשר זיין דער ענין, קודם צו פארשטיין וואס די גמרא פארציילט שקלה כוזא, פארוואס האט זי גענומען פונקט א קריגל וואס הייסט כוזא, און דאס האט זי אראפגעווארפן, אין יעדע זאך ליגט דאך עפעס וואס מ'קען זיך דערפון לערנען.

## משמת רבי בטלה ענוה ויראת חטא

**קען** זיין די כוונה דערפון איז, די גמרא זאגט אין סוף סוטה, משמת רבי בטלה ענוה ויראת חטא, ווען רבינו הק' איז נסתלק געווארן איז בטל געווארן ענוה, נישטא דער מושג מער פון ענוה וואס רבינו הק' האט געהאט. רבינו הק' איז געווען אזוי גרויס, נשיא בישראל איז ער געווען, פונדעסטוועגן דאך איז ער אזא שפל ברך געווען ביי זיך, אז ווען ער איז נסתלק געווארן האט מען געזאגט, ס'איז בטל געווארן ס'איז שוין נישטא דער סארט ענוה וואס רבינו הק' פארמאגט. און ס'איז אויך בטל געווארן יראת חטא, די יראת חטא וואס רבינו הק' האט געהאט, מורא געהאט פאר אן עבירה. די געוואלדיגע קדושה וואס רבינו הק' האט געהאט, ער האט קיינמאל נישט אראפגעליגט די הענט אראפצו פון זיין אבנט. ער האט זיך אויפגעהויבן די צען פינגער און געזאגט, אז ער האט נישט נהנה געווען פון די וועלט כאצבע קטנה, די יראת חטא וואס רבינו הק' האט געהאט איז בטל געווארן, בטלה ענוה ויראת חטא, נישטא מער קיין ענוה נישטא מער קיין יראת חטא.

**זאגט** די גמרא, אמר ליה רב יוסף לתנא, האט רב יוסף געזאגט פאר דעם תנא פון די משנה וואס האט פארגעלערנט פאר אים, לא תיתני

ענוה דאיכא אנא, זאג נישט אז ס׳איז בטל געווארן מיט די פטירה פון רבינו הק׳ ענוה, איך בין נאך דא, איך האב אין מיר די מדה פון ענוה. דו קענסט לערנען אז ס׳איז בטל יראת חטא, אבער ענוה איז נישט בטל געווארן. אמר ליה רב נחמן לתנא, רב נחמן האט געזאגט פאר׳ן תנא, לא תיתני יראת חטא, דו קענסט זאגן אז ענוה איז בטל געווארן, אבער יראת חטא זאג נישט אז ס׳איז בטל געווארן, דאיכא אנא, איך בין דא, איך בין אויך א ירא חטא.

**עס** שטייט פונעם גר״א, אז ער האט זיך געשטעלט, ס׳איז דאך א געוואלדיגע פלא רב יוסף מיט רב נחמן זאלן זיך רומען און זאגן אז ס׳איז נאך געבליבן, ביי אים ענוה, און ביי אים יראת חטא? שטייט פונעם גר״א אז ער האט געזאגט, אז אין ירושלמי איז דא א אמורא וואס הייסט ״אנא״, רב יוסף האט נישט געמיינט צו זאגן אז ער איז דער עניו, נאר דער תנא וואס ווערט אנגערופן ״אנא״ דער איז א געוואלדיגער עניו, און לא תיתני ענוה, זאג נישט אז ס׳איז בטל געווארן ענוה, ווייל דאיכא ״אנא״ דער תנא וואס הייסט אנא ער איז נאך געבליבן מיט די מדה פון ענוה. רב נחמן האט אויך די זעלבע געזאגט, לא תיתני יראת חטא דאיכא ״אנא״, דער אנא האט אין זיך יראת חטא, און עס איז נישט בטל געווארן יראת חטא.

**איך** האב געזעהן צוברענגען, אז מ׳האט געפרעגט רבי חיים קניבסקי זאל זיין געזונט, ווי דער ירושלמי איז. האט ער געזאגט, לפי ידיעתו ווייס ער נישט פון קיין ירושלמי אז ס׳זאל זיין א נאמען ״אנא״, אבער ס׳איז דא א ירושלמי אין שבת וואס דארט איז דא אן אמורא וואס הייסט אנן, ס׳איז דא דארט א מחלוקת אין די גירסא, צי די גירסא איז חנן צי די גירסא איז אנן, זאגט ער, ס׳קען זיין אז דער גר״א האט געהאט די גירסא אז דאס איז אנא, דאיכא אנא, דער תנא אנא איז נאך דא וואס עס איז געבליבן ביי אים די מדריגות. - עכ״פ קומט אויס, רב יוסף האט געזאגט אז מ׳דארף לערנען אין די משנה משמת רבי בטלה יראת חטא, ענוה איז דאך איכא אנא, רב נחמן האט געזאגט אז מ׳דארף לערנען אז ס׳איז בטלה ענוה, ווייל יראת חטא איז ער געבליבן.

**שטייט** אין די גמרא (בבא מציעא דף מ׳), אז אין א חבית, גייען אריין אכט און פערציג כוזא׳ס. כוזא איז געווען א מין מאס וואס די קריגל האט געהאט, אכט און פערציג אזעלכע מאס ווי א כוזא, גייט אריין אין איין חבית. קען זיין די רמז דערפון איז, תורה איז נקנה במ״ח קנינים (אבות ו-ד), אכט און פערציג קנינים איז דא מיט וואס מ׳איז קונה תורה. און צווישן די מ״ח קנינים איז אויסגערעכענט דארט, ביראה ובענוה. די צוויי מדריגות פון רבינו הק׳, מיט יראה איז מען קונה תורה, און מיט ענוה איז מען קונה תורה. מיט די הסתלקות פון רבינו הק׳, וועט פעלן איינס פון די מ״ח קנינים, אבער וועט פעלן יראה, אדער וועט פעלן ענוה, אבער איינס דערפון וועט פעלן. איז געגאנגען אמתיה דרבי און זי האט צובראכן א ״כוזא״ וואס דאס איז דאך א מאס פון אכט און פערציג פון א חבית, זי האט געוואלט ווייזן מיט דעם, אז ווען רבינו הק׳ גייט אוועק פון די וועלט, וועט פעלן איינס פון די אכט און פערציג קנינים וואס תורה האט. ס׳איז דא מ״ח קנינים אין די תורה, א כוזא איז א אכט און פערציגסטל חלק, ווען רבינו הק׳ וועט נסתלק ווערן וועט צובראכן ווערן א כוזא, ס׳וועט פעלן איינע פון די קנינים. - און אז ס׳וועט פעלן איינע פון די קנינים פון תורה, וועט שוין תורה נישט זיין אזויווי ס׳דארף צו זיין, ווייל תורה איז נקנית מיט מ״ח קנינים, און אויב ס׳פעלט ענוה און יראת חטא, ס׳פעלט פון די קניני תורה, קען שוין די תורה נישט זיין אין אזא מדריגה ווי ס׳איז געווען בשעת רבינו הק׳ האט געלעבט.

## להתדבק בחכמי ישראל שבכל דור ודור

**דער** סדר איז, ווען א מענטש האט א רבי׳ן וואס איז גרויס אין חכמה אין תורה, ווען ער גייט אוועק פון די וועלט, איז זייער שווער פאר אים ער זאל זיך צופאסן צו א אנדערן חכם, צו אנדערע חכמי ישראל וואס איז דא אינעם דור, וואס זיי זענען נישט אין די מדריגה ווי זיין פריער'דיגער רבי איז געווען, ממילא איז שווער אז ער זאל זיך קענען מכניע זיין אונטער א צווייטן.

**אבער** דאס איז נישט ריכטיג. לא אלמן ישראל, דער אייבערשטער לאזט נישט איבער אידן אן צדיקים און חכמי ישראל, ראה הקב"ה שהצדיקים מועטים, דער אייבערשטער האט געזעהן אז צדיקים זענען ווייניג, עמד ושתלן בכל דור, האט ער זיי שותל געווען אין יעדן דור, שנאמר כי לה׳ מצוקי ארץ וישת עליהם תבל, אין יעדן דור האט דער אייבערשטער איבערגעלאזט ערליכע אידן וואס מ'זאל קענען פון זיי לערנען תורה און עבודת ה׳. די גמרא זאגט אין מגילה, ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלותם להפר בריתי אתם. לא מאסתים בימי כשדים, ווען אידן האבן געהאט צרות אין כשדים, האט דער אייבערשטער נישט ממאס געווען אידן, שעמדתי להם דניאל חנניה מישאל ועזריה, איך האב איבערגעלאזט דניאל מיט חנניה מישאל ועזריה פאר אידן. בימי פרסיים העמדתי להם של בית רבי וחכמי דורות, פון די פרסיים אן האט דער אייבערשטער איבערגעלאזט רבינו הקדוש און די חכמי הדורות וואס איז דא אין יעדן דור נאכדעם.

**די** גמרא זאגט אין ראש השנה, למה לא נתפרשה שמותן של זקנים הללו, משה רבינו האט אויסגעקליבן זיבעציג זקנים, ונשאו אתך, וואס זיי זאלן זיין בית דינו של משה, און ס'ווערט נישט דערמאנט קיין נעמען פון די זיבעציג זקנים, זאגט די גמרא, כדי שלא יאמר אדם, א מענטש זאל נישט זאגן, פלוני כמשה רבינו, דער היינטיגער גדול איז דען אזוי ווי משה רבינו, פלוני כנדב ואביהוא, איז ער אזויווי נדב ואביהוא, האט דער אייבערשטער געזאגט, ס'איז געווען אויסער משה רבינו נאך שבעים זקנים און איך זאג דיר נישט זייערע נעמען, לומר לך ירובעל בדורו כמשה בדורו, יפתח בדורו כשמואל בדורו, אין יעדען דור האט דער אייבערשטער איבערגעלאזט א חכם וואס זאל זיין דער מנהיג ביי אידן, און ער דארף זיין ביי דיר חשוב אזויווי א פריער'דיגער גדול אין א פריער'דיגן דור, ללמדך, ס'קומט דיר צו לערנען, שאפילו קל שבקלים ונתמנה פרנס על הציבור, ווען א איד ווערט נתמנה א פרנס על הציבור, די גמרא רופט אים אפילו קל שבקלים, הרי הוא כאביר שבאבירים, וויבאלד ער איז נתמנה געווארן פאר א פרנס על הציבור, דארפסטו אים מחשיב זיין אזוי ווי א אביר שבאבירים.

**שלמה** המלך זאגט, הולך את חכמים יחכם, ווען א מענטש גייט און ער דרייט זיך צווישן חכמים, וועט ער קלוג ווערן. **די נסיונות פונעם דור איז דאך מורא'דיג שווער, נאר דער וואס דרייט זיך צווישן ערליכע אידן, ער איז זיך מתאבק באפר רגליהם פון חכמי ישראל, דער קען האפן אז ער זאל זיך נישט אויסגליטשן, און ער זאל קענען זיך פירן ערליך. ס'מוז נישט זיין קיין ברענד-נעים צו ווען מ'איז זיך מחבר, נאר יעדער תלמיד חכם ,יעדער ערליכער איד, צו וועמען מ'האט א שייכות און צו וועם מ'האט א נאנטקייט. מען דארף טרעפן איינעם צו וועם ער זאל זיך מכניע זיין, און זיך מתאבק זיין בעפר רגליו, און אננעמען וואס מ'הערט פון אים.**

**אויב** דאס איז נוגע פאר איינעם וואס האט נאך געקענט די פריער'דיגע, וואס האט כאטשיק זיך אנגעזאפט מיט תורה און עבודת ה׳ פונעם פריער'דיגן דור, כל שכן ווען ס'איז נוגע צו צעירי עם קודש. **ס'וואקסט דאך אויף א פרישער דור, פרישע קינדער, פרישע בחורים, פרישע יונגעלייט, און זיי הערן וויאזוי עלטערע זענען מבטל חכמי ישראל, זענען זיי נאכדעם נישט מבחין צווישן איינעם און דעם צווייטן,** דער איז נישט גוט דער צווייטער איז יא גוט, זיי ווערן דערוואקסן נישט נכנע

צו ווערן אונטער קיין דעת תורה, ווער וועט מיר איינטיילן וואס איך זאל טוען" "...ווער איז אזוי גרויס וואס איך זאל זיך דארפן צו אים בייגן"...

**מ'הערט** אויף צוגיין הערן דרשות, מ'הערט נישט קיין מוסר, מ'הערט נישט קיין תוכחה, און אפילו ס'קומט אים יא אויס צו הערן, ס'גייט נישט אריין די ווערטער וואס מ'הערט, ווייל ער האט נישט די ריכטיגע הכנעה דאס צו וועלן מקבל זיין. דאס איז ממש א חורבן פאר די יונגווארג, אז מ'דרייט זיך נישט צווישן גדולי התורה. נאר תורה און עבודת ה' וואס ס'איז דא ביי צדיקים, ביי די וואס פירן זיך ערליך, און זיי זענען דערהויבן מער ווי א צווייטער, און זיי זיצן כל ימיהם באהלה של תורה, ביי יעדן תלמיד חכם קען מען קונה זיין. יעדער דארף האבן איינעם צו וועם ער טוט זיך מכניע זיין און ער איז מקבל פון אים.

## בזיון גדולי התורה שנתרבה לאחרונה

**דאס** גרינגשעצן וואס מ'איז היינט מזלזל אין תלמידי חכמים, און וואס דאס ברענגט מיט זיך מיט. שטייט אין די גמרא (אין סוף סוטה), בעקבות משיחא חוצפא יסגא, ווען ס'וועט זיין עקבות משיחא, די צייט בעפאר משיח וועט קומען, חז"ל האבן אזוי שיין צוגעטראפן און אראפגעמאלט וויאזוי ס'וועט אויסקוקן, חוצפא יסגא, ווי וועט די חוצפא גרויס זיין. חכמות סופרים תסרח, חכמי התורה וועט מען מבזה זיין, חז"ל האבן שוין געזאגט אונז דעמאלטס, נערים פני זקנים ילבינו, יונגע וועלן מלבין זיין פני זקנים, הבן אינו מתבייש מאביו, אָן א בושה, ער וועט זיך נישט שעמען פון זיין טאטען, נישט שעמען פון עלטערן, נאר ער וועט טוען וואס ער וויל.

**בעוה"ר** דער בזיון פון כבוד התורה ווערט פארמערט. וואס דער עצם זאך רעדן אויף א תלמיד חכם, גרינגשעצן א תלמיד חכם, מבזה זיין א תלמיד חכם, מ'טאר אפילו א פשוטן איד נישט מבזה זיין, אבער ביי א תלמיד חכם איז דאך דאס אסאך הארבער. המבזה תלמיד חכם אין לו רפואה למכתו, ס'איז נישטא קיין רפואה, ס'איז נישטא מיט וואס ער זאל זיך קענען היילן, אויב ס'וועט אים ח"ו פוגע זיין וואס ער האט געטוען פאר דעם חכם. לא חרבה ירושלים אלא בשביל שביזו בה תלמידי חכמים, ירושלים איז נישט חרוב געווארן נאר ווייל מ'האט מבזה געווען תלמידי חכמים, שנאמר ויהיו מלעיבים במלאכי אלקים, מ'האט מלעיב געווען, מ'האט פארשעמט, מלאכי אלקים. המבזה תלמיד חכם זאגט די גמרא איז א אפיקורס, אין לו חלק לעולם הבא, א בפירוש'ע גמרא, ער האט נישט קיין חלק לעולם הבא, ער האט מבזה געווען א תלמיד חכם.

**דאס וואס מ'טוט גרינגשעצן אין תלמידי חכמים, מ'רעדט מיט א זילזול, דאס טוט פארדארבן די יונגווארג, אז ס'ווערט נאכדעם נתגדל א דור וואס ס'איז סורר ומורה, זיי זענען נישט מקבל קול הורים קול מורים, מ'איז נישט מקבל פון קיין צווייטן, און וואס קען שוין זיין די תוצאות פון אזא הנהגה.**

**דעם** מוצאי שבת ס'האט געשנייט אינדרויסן, איך פאר אהיים מוצאי שבת פון שוהל, ס'איז געווען פול מיט שניי איבעראל, איז געווען א קאר געפארקט מיט שניי ארומגענומען פון אלע זייטן, זעה איך ווי א בחור'ל קומט ארויס און ער גייט צו צו די קאר, און ער שרייבט אריין אין די שניי א נאמען פון א מנהיג ביי אידן און ער שרייבט צו נאכדעם, 'פוי', א נאמען מיט פוי. אן קיין בושה, ברבים, נישט קיין פאשקעוויל אראפגעווארפן, ער זאל זיך שעמען מיט וואס ער טוט, נאר א בזיון ברבים, בריש גלי, ארויסגעגאנגען און גענומען א תלמיד חכם און אויפגעשריבן זיין נאמען מיט א פוי דערויף. ווי האלטן מיר? ס'זאל נישט זיין קיין שום בושה מבזה זיין א תלמיד חכם סתם אזוי אויף דער גאס, פאר גארנישט. און ווער האט דאס געטוען? א בחור'ל וואס האט געדארפט זיצן באהלה של תורה, וואס דארף נתחנך ווערן פון זיינע רביס, וואו ער זאל לערנען אז אזא זאך טאר נישט זיין. זאל זיך גארנישט שעמען מ'וועט פארציילן פאר זיין טאטען, פאר זיין רבי'ן.

**וואס** עס טוט זיך אפ אין ארץ ישראל. מ'הערט ליידער שמועות וויאזוי מ'איז מבזה תלמידי חכמים, נישט סתם תלמידי חכמים, גאונים בתורה. ס'איז דא סכסוכים אין ארץ ישראל וועגן א געוויסן ענין, און מ'איז מבזה איינער דעם צווייטן, גדולי ישראל. ס'האט שוין נישט קיין דעק מאנטל, ס'איז מינות, ציונות, ס'האט שוין אפילו דאס מאנטעלע אויך נישט, מ'רעדט יעצט פון אמת'דיגע תלמידי חכמים וואס מען איז אויף איין מיינונג מיט אסאך זאכן, ווייל ס'איז דא חילוקי דיעות אין הלכה וכדומה, שעמט מען זיך נישט מבזה צו זיין גדולי ישראל.

**מ'האט** די וואך מבזה געווען דעם ראב"ד פון ירושלים ביי א הספד וואס ער האט געזאגט ברבים, האט זיך געוואגט איינער אויפצושטעלן און מבזה זיין ברבים. **מ'רעדט יעצט פון אריות שבתורה, לייבן אין תורה, וואס ס'איז נישטא קיין סאך, מ'קען ציילן אויף די פינגער וואס האבן אין זיך די גרויסקייט פון תורה, מיט פופציג יאר צוריק האבן זיך געשפיגלט אין אים גדולי ישראל. אידן וואס זענען ממית עצמם באהלה של תורה, נישטא קיין בושה זיך אויפצושטעלן און מבזה צו זיין.**

**די** הייליגע עדות אין ירושלים, מנהיגים פון די שענסטע עדות וואס ירושלים פארמאגט, איז מען משפיל און מבזה, ווייל זייער מיינונג איז נישט צוגעפאסט צו יענעמ'ס מיינונג. מ'וויל פשוט מיט טערער ארויפצווינגען אויף יענעם א מיינונג וואס יענער איז נישט דערביי. ווען א מענטש זאגט א זאך אין הלכה וואס ער איז נישט דערביי, וואס ער האלט אז ס'איז נישט אזוי, איז ער א מגלה פנים בתורה שלא כהלכה. און אז מ'צווינגט איינעם צו מגלה זיין פנים בתורה שלא כהלכה, און ער האלט זיך פעסט און ער זאגט זיין מיינונג ,קומט אים מ'זאל אים מבזה זיין?

**און אז ס'איז יא דא חילוקי דיעות צווישן גדולי ישראל, ווי טרויט מען זיך צו עפענען א מויל, מענטשן וואס האבן אינגאנצן נישט קיין שייכות דערצו, זיי ווייסן אפילו נישט וואס ס'גייט דארטן פאר, און יעדער זאגט זיך זיין מיינונג וואס יא און וואס נישט. איין פליטת פה פון א מענטש פארלירט ער זיין עולם הבא. איין ווארט וואס מ'איז מזלזל אין א תלמיד חכם, פארלירט מען זיין חלק לעולם הבא. מיר דארפן זיך פרייען און אפגעבן א שבח והודאה פאר'ן אייבערשטן אז ס'געפינט זיך נאך צווישן אונז אזא גאון און אזא צדיק וואס כמותו ירבה בישראל. דאס אלעס איז איין לאנגער קייט, מ'איז נישט מחשיב קיין תלמידי חכמים, און מ'לערנט אויס מזלזל צו זיין, און די תוצאות דערפון ווער ווייסט וואס דאס וועט צוברענגען נאכדעם.**

**רבינו** הקדוש, יום וואס בו נח נפשיה דרבי, רבינו הקדוש האלט ביים אויסגיין, און מ'האט געוואוסט אזא חכם מופלג אין תורה אין צדקות אין קדושה ווי רבינו הקדוש איז, וועט מער נישט זיין אויף דער וועלט, בטלה ענוה ויראת חטא, ס'איז נישטא מער אזאנס וואס רבינו הקדוש איז געווען אין זיין צייט, האבן די חכמי ישראל מורא געהאט ס'וועט ווערן אפגעקילט ביי די תלמידים דעם דביקות און דעם התאבקות וואס מ'דארף האבן בעפר רגלי חכמי ישראל, און טאמער דאס וועט ווערן אפגעקילט, אז מ'וועט נישט האבן קיין שייכות צו תלמידי חכמים, וועט עס זיין א חורבן התורה, יונגווארג וועט חרוב ווערן, מ'וועט זיך נישט קענען האלטן.

**האבן** די רבנן אויסגערופן און געזאגט, אמת, ס'קען זיין מיר פארלירן היינט רבינו הקדוש, און מ'וועט דארפן זאגן אז ס'איז נח נפשיה 'דרבי יהודה הנשיא', אז רבינו הקדוש איז נסתלק געווארן. אבער דער וואס וועט נישט זאגן נח נפשיה דרבי יהודה הנשיא, ער וועט זאגן נח נפשיה 'דרבי', אז מיר האבן מער נישט קיין רבי אויף דער וועלט, אז דער מושג און דער ענין פון א רבי פון וועם מ'דארף מקבל זיין תורה ויראה, דאס עקזיסטירט נישט מער, ידקר בחרב! אוודאי קען מען זאגן ס'איז נח נפשיה דרבי יהודה הנשיא, דער נשיא איז נסתלק געווארן און ס'איז א געוואלדיגע אבידה, אבער צו זאגן אז נח נפשיה דרבי, ס'איז שוין מער נישטא קיין רבי אויף דער וועלט, ס'איז שוין נישטא פון וואו מיר זאלן קענען מקבל תורה, און ס'איז נישטא אנדערע חכמי התורה פאר וועם מ'זאל זיך מכניע זיין אזוי ווי א תלמיד דארף זיך מכניע זיין פאר א רבי'ן. נח נפשיה דרבי איז ידקר בחרב, דאס איז א חורבן פון תורה.

**אונז דארפן מיר רעדן צו אונזערע קינדער, אריינלייגן אין אונזערע קינדער אהבה צו תלמידי חכמים. אז אין יעדן דור איז דא חכמי התורה, ס'איז דא צדיקים וואס זענען עובדי ה' און מ'דארף מקבל זיין זייערע ווערטער באימה וביראה. ארויסצוברענגען שטענדיג פאר זיי די חשיבות פון גדולי ישראל, אריינצוברענגען א תשוקה אין די קינדער, איך וויל אויך אויסוואקסן אזוי ווי דער גדול בישראל איז, נאכגיין און קוקן וויאזוי ערליכע אידן פירן זיך, והביטו אחרי משה עד בואו האהלה, נאכצוקוקן נאך דעם משה וואס האט אים צוגעברענגט אז ער איז אזוי אויסגעוואקסן, און נאכגיין אין די וועגן. דעמאלטס וועט מען קענען אויפשטעלן קינדער תלמידי חכמים און אנשי מעשה.**

## בגודל חשיבות כח התפלה

**נאר** אין שיטה מקובצת אין כתובות דארט אויפן פלאץ, זאגט אינגאנצן אן אנדערן ביאור אויף נח נפשיה דרבי ידקר בחרב, ס'ליגט דערין א געוואלדיגע מוסר השכל פאר אונז זיך אראפצולערנען, פארוואס מ'האט מונע געווען אז מ'זאל נישט אויסרופן אז רבינו הק' איז נסתלק געווארן. איך וועל נאכזאגן דעם לשון פון שיטה מקובצת. זיי האבן געזעהן רבינו הק' גייט נסתלק ווערן און מ'גייט בעטן, אילו הוה ידעו בבירור דמית, ווען זיי וואלטן געוויסט זיכער אז רבינו הק' לעבט שוין נישט, לא הוה בעי רחמי עליה, וואלט מען דאך אויפגעהערט מתפלל זיין, מ'וועט דאך נישט בעטן נאכדעם ווי ער איז געשטארבן אז רבינו הק' זאל לעבן, ווייל אויף תחיית המתים בעט מען נישט קיין רחמים, מ'בעט נישט אויף א זאך וואס ס'איז שלא כדרך הטבע. וועגן דעם האט מען געזאגט, אפילו מית, אפילו ווען רבינו הק' וועט שטארבן, זאל מען עס נישט פארציילן פאר אונז, אונז זאלן נישט וויסן אז רבינו הק' לעבט נישט, וועלן מיר דאך ווייטער בעטן רחמים אויף רבינו הק' בחזקת שהוא חי, ווייל מיר מיינען דאך אז ער לעבט, וועט מען קענען אויפטוען מיט די תפלה אז לחיי בתפלתם, רבינו הק' וועט אויפשטיין תחיית המתים.

**תפלה** האט א כח אז ס'קען אויפברענגען און אויפשטעלן אפילו א מת נאכדעם וואס ער איז געשטארבן!, נאר ווי דער סדר איז, אז ווען מ'וועט געוואויר ווערן אז רבינו הק' איז נסתלק געווארן, וועט מען דאך מער נישט בעטן קיין רחמים, ווייל ס'איז דאך אין מתפללין על הנס, ממילא וועט מען אויפהערן צו מתפלל זיין. אבער ביז ווילאנג מיר ווייסן נאך נישט אז רבינו הק' איז נסתלק געווארן, וועט מען דאך ווייטער ממשיך זיין און בעטן בחזקת שהוא חי, און א תפלה וואס א איד בעט האט אזא כח אז ס'קען מחיה זיין אפילו ווען ער איז געשטארבן. האט מען געזאגט, מאן דאמר נח נפשיה דרבי, ווען איינער וועט זאגן אז רבינו הק' איז נסתלק געווארן, ידקר בחרב, ווייל ער הרג'ט רבי.

**ס'איז** א געוואלדיגע לימוד מוסר וואס דאס מיינט דאוונען, וואס א איד קען אויפטוען מיט תפילות, און מ'טאר זיך קיינמאל נישט מייאש זיין פון צו בעטן, ווייל א תפלה פון א איד קען מחיה זיין אפילו א מת אויכעט. ביז ווילאנג מ'האט געבעטן רחמים אויף רבינו הק', איז רבינו הק' נישט נסתלק געווארן, מ'האט זיך געשלאגן עליונים ותחתונים, עליונים האבן געוואלט, תחתונים האבן געוואלט, מ'האט נישט געקענט צונעמען רבינו הק'. ווען אמתיה דרבי האט געזעהן די כוזא און זי האט עס אראפגעווארפן, אישתיקו מרחמי, ס'איז געווארן שטיל, מ'האט איין מינוט אויפגעהערט מתפלל זיין, ונח נפשיה דרבי, דעמאלטס איז רבינו הק' נסתלק געווארן.

**וויפיל** מאל טרעפט זיך ביי א מענטש, ס'מאכט זיך אים פארשידענע שוועריגקייטן וואס ס'ווערט פארוויקלט אין זיין לעבן. אמאל איז עס אין געזונט, אמאל איז עס אין פרנסה, אמאל איז עס אין אנדערע זאכן, און ער איז נישט משים לב וואס איז די ערשטע הילף צו זיין פראבלעם וואס ער האט — תפלה! **מרבה זיין בתפלה! בעטן פונעם אייבערשטן, מתפלל זיין, דער אייבערשטער איז א שומע תפלת כל פה, נישט אויפהערן פון מבקש זיין רחמים. איינמאל געבעטן, צוויי מאל געבעטן, ממשיך זיין און בעטן רחמים פונעם אייבערשטן, ביז דער אייבערשטער וועט אים העלפן.**

## לעולם יקדים אדם תפלה לצרה

**נישט** נאר מ'דארף בעטן ווען מ'האט א פראבלעם. דער צורך אין תפלה איז נישט נאר ווען ס'איז שוין דא א קראנקער, און נישט נאר ווען ס'האט זיך אים פארוויקלט זיין פרנסה, און נישט נאר ווען ער האט שוין פראבלעמען אין שטוב, דארף ער מתפלל זיין. לעולם יקדים אדם תפלה לצרה (סנהדרין מד:). מ'דארף נישטווארטן אויף קיין צרה, מ'דארף מקדים זיין תפלה פאר די צרה. די גמרא ברענגט א פסוק, אז די פריינד פון איוב — וואס איוב האט אזויפיל מיטגעמאכט — האבן אים געזאגט, האסטו מקדים געווען תפלה, היערוך שועך לא בצר, האסטו מקדים געווען צו מתפלל זיין, עד לא בא הצרה, בעפאר די צרה איז געקומען אויף דיר?. זאגט רש"י, אם היית עושה כן, ווען דו וואלסט אזוי געטוען, היה הכל מאמצין את כוחך, וואלט דיר יעדער אין הימל צוגעהאלפן. ווען ס'איז דא א צרה איז שוין דא מיימינים און משמאילים, און עס איז נישטא אסאך מאל ווער ס'זאל צוהעלפן פאר'ן מענטש. ווען ס'גייט דיר גוט, דאס איז טייטש אז מן השמים איז מען מסכים צו דעם, ווי גרינג איז דעמאלטס אויסצופועלן, אז ס'זאל אנהאלטן דאס וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן.

**ווען מען איז געזונט, דאס ווייב איז געזונט, די קינדער זענען געזונט, די פרנסה איז מצויה בביתו, ער איז מצליח אין זיינע געשעפטן, דעמאלטס דארף מען בעטן, דעמאלטס זיי מרבה בתפלה, בעט פונעם אייבערשטן אז ס'זאל זיך נישט אפטוען פון דיר, ס'זאל ווייטער בלייבן אזוי ווי ס'איז. ווען מ'האט קליינע קינדער און זיי לערנען פיין, זיי פירן זיך אויף מיט יראת השם, דעמאלטס דארפסטו מרבה זיין בתפלה, נישט ווען דו האסט א פראבלעם מיט דיין קינד, ווען אלעס איז גוט דעמאלטס בעט פונעם אייבערשטן.**

**דוד** המלך האט געזאגט, אתה ה' תשמרם תצרנו מן הדור זו לעולם (תהלים יב-ח), זאגט רש"י, אז אין די צייטן פון דוד המלך האבן די קינדער געלערנט פלייסיג, עד שלא טעמו טעם חטא, ביז ווילאנג זיי האבן נאך נישט טועם געווען א טעם חטא, האבן זיי געקענט דרש'נן די תורה במ"ט פנים לכל צד, שבעתיים, זיי האבן געקענט דרשנ'ען די תורה אויף מ"ט פנים, והיה דוד מתפלל עליהם, דוד האט געבעטן פונעם אייבערשטן, רבוש"ע ראה כמה תורתך ואמרתך ברורה ומזוקקת

שבעתים בלבם, קוק וויאזוי זיי קענען לערנען, אתה ה׳ תשמרם, היט זיי אפ אז ס׳זאל בלייבן ביי זיי, שמור אותם בלבם, ס׳זאל בלייבן ביי זיי די תורה וואס זיי לערנען, תצרנו מן הדור זו, היט זיי אפ אז זיי זאלן נישט נכשל ווערן און נאכגיין נאכן דור.

**דעמאלטס** ווען ס׳איז גוט, ווען ס׳פעלט דיר גארנישט, ס׳גייט דיר גוט, דעמאלטס זיי מרבה בתפלה, נישט דעמאלטס ביסטו פארנומען מיט דיינע געשעפטן דו לויפסט ארויס פונעם דאווענען ווייל דו ביסט פארנומען מיט דיינע געשעפטן, און ווען ס׳גייט דיר נישט גוט דעמאלטס האסטו צייט אין ביהמ״ד צו זאגן תהלים. ניין, **ווען ס׳גייט דיר גוט, דעמאלטס זיי מרבה בתפלה! דעמאלטס זיץ אין ביהמ״ד און בעט פונעם אייבערשטן, ב״ה איך האב נחת פון די קינדער, ס׳גייט מיר מיין פרנסה, איך בין געזונט, דער אייבערשטער זאל העלפן אז ס׳זאל מיר גיין ווייטער אויף דעם וועג.**

## לבקש רחמים על כל פרט ופרט בתוך מצבו

**אמאל** איז דא וואס א מענטש האט ל״ע א קראנקן אין שטוב, א קראנקער אין די משפחה, וואס בדרך הטבע זענען די אויסזיכטן זייער שוואך אז מ׳זאל עס קענען אדורכגיין. ס׳איז נישטא קיין געהעריגע רפואה פאר די מחלה ל״ע וואס ער האט. איך וועל אנכאפן ״אלצהיימערס״ צו כדומה, וואס ס׳איז נישטא נאך היינט קיין געהעריגע רפואה דערפאר. אמת אונז גלייבן אז דער אייבערשטער איז בורא רפואות, ער באשאפט רפואות, און מ׳דארף מתפלל זיין אין יעדן מצב ווי א מענטש געפינט זיך. אבער די תפלה פונעם מענטש איז שוין נישט אזוי פונעם גאנצן הארץ ווען ער איז מתפלל אויף דעם חולה, אינעווייניג האט ער א שטיקל יאוש אין זיך אז ס׳איז נישטא וואס צו טוען.

**אבער** ס׳איז נישט ריכטיג. אפילו אין א מצב וואס ס׳איז זייער שווער און מ׳זעהט נישט קיין אויסוועג דערפון, איז דא אזויפיל זאכן וואס א מענטש דארף מתפלל זיין וואס איז יא בדרך הטבע, און ס׳קען אסאך גרינגער מאכן זיין מצב ווי ער איז. **ווען א מענטש איז ל״ע נישט געזונט אין אזא מחלה, דארף מען מתפלל זיין, דער אייבערשטער זאל העלפן ס׳זאל נישט שווערער ווערן די מחלה, ס׳איז גענוג וויפיל ס׳איז. ס׳נעמט נאך צייט, יעדע מחלה האט אין זיך געוויסע הדרגות, וויאזוי ס׳ווערט ערגער און ערגער, אמאל קומט עס ליידער שנעל און אמאל נעמט עס א לאנגע צייט ביז ס׳ווערט פארערגערט. מ׳דארף מתפלל זיין אז ס׳זאל נישט קומען שנעל, דער מצב זאל נישט אזוי שווער זיין. ס׳זאל נישט צוקומען קיין קאמפליקאציעס ווען א מענטש איז אין אזא מצב.** א קאמפליקעישאן וואס ס׳קומט צו, ס׳פאלט אריין נאך עפעס א זאך, יעדע קלייניגקייט וואס ס׳רירט צו, מאכט דאך נאר שווערער דעם מצב.

**מתפלל** זיין ער זאל נישט האבן קיין צער פון די מחלה, ער זאל עס קענען גרינגערהייט אדורכטראגן. ס׳זאל נישט צוקומען צו א מצב וואס ס׳זאל זיין פראבלעמען וואס מ׳וועט דארפן מחליט זיין אסאך מאל אין פיקוח נפש׳דיגע שאלות, וואס מ׳זאל יא טוען וואס מ׳זאל נישט טוען. דער אייבערשטער זאל העלפן אז מ׳זאל טרעפן איינעם וואס זאל קענען באדינען געהעריג דעם קראנקן. וויפיל פלאגט מען זיך מיט דעם ביז מ׳טרעפט איינעם וואס זאל זיך קענען געהעריג אפגעבן. ס׳זאל נישט זיין קיין חילוקי דיעות צווישן די משפחה. ליידער ס׳פאסירט אזא מין זאך אין א משפחה, וויפיל שברי לב גייט אדורך מיט קינדער, מ׳קריגט זיך איינער מיטן צווייטן, אזוי טוען און אזוי טוען, ווער ס׳זאל גיין העלפן, יענער זאל גיין העלפן וכדומה. און אויך מ׳זאל קענען אלעס מקבל זיין מיט א רוהיגקייט מיט א דערהויבן רוח טוב. ס׳איז אלעס דברים פשוטים.

**אפילו מ׳קען נישט אויסבעטן ביים אייבערשטן דער עיקר פונעם פראבלעם, אבער וויפיל צענדליגער זאכן איז דא וואס איז נוגע אין די פרטים וואס קומען ארויס דערפון, וואס אויף דעם דארף מען תפלה, מ׳דארף מתפלל זיין דערויף.**

**ווען** א מענטש גייט אים נישט גוט אין פרנסה אין זיינע געשעפטן, ער ווערט אסאך מאל פארוויקלט אויף אזא וועג, ער זעהט זיך נישט ארויס דערפון. אוודאי דער אייבערשטער איז א כל יכול, און מ׳דארף אסאך תפלה בעטן אז דער אייבערשטער זאל העלפן ס׳זאל נשתנה ווערן דער מצב פון וואס ס׳איז איז. אבער געב צו נאך א תפלה, אז ביז ס׳קומט די ישועה, ביז מ׳וועט זיך ארויסדרייען דערפון, אדער אויב ס׳איז א גזירה וואס מ׳וויל עס נישט אפשטעלן פון הימל, מ׳מוז עס אדורכגיין. **בעט פונעם אייבערשטן, ס׳זאל דיר גרינג גיין! דער באשעפער זאל עס פארגרינגערן ס׳זאל נישט קומען מיט קיין שוועריגקייטן, ס׳זאל זיך נישט מער פארוויקלען דער פראבלעם פון וואס ס׳איז. מ׳זאל זיך קענען מחזק זיין ביי זיך אליין, אז מ׳זאל נישט צוזאם פאלן פונעם שווערן מצב אין וואס מ׳געפינט זיך. אין יעדער שווערע פראבלעם איז דא אסאך פרטיות׳דיגע זאכן, וואס מען דארף מתפלל זיין דערויף אז ער זאל עס גרינגערהייט אדורכקומען.**

**ל״ע** א מענטש האט א משפט אויף זיך, איז ער אלץ נאר פארנומען ער זאל פטור ווערן פון דעם משפט. נישט אייביג ווערט אנגענומען די תפלה. נישט אייביג איז ער ראוי דערצו. אבער וויפיל איז דא — זייטיגע זאכן — וואס מ׳דארף מתפלל זיין. אז ס׳איז יא א חשבון פון הימל אז ער דארף עס אדורכגיין, זאל דער עונש זיין בחסד, ס׳זאל נישט זיין מיט קיין שוועריגקייטן, ס׳זאל זיין אויף אזא אופן מ׳זאל שנעל אפקומען און אויף א גרינגן וועג דאס אפקומען, און מ׳זאל זיך נישט דארפן מצער זיין. דאס איז אלץ תפילות וואס א איד דארף מתפלל זיין און בעטן אויף יעדע זאך פונעם אייבערשטן.

**מ׳זאגט** אין די שמונה עשרה, רפאנו ה׳ ונרפא הושיענו ונושעה, מ׳בעט דער אייבערשטער זאל אונז היילן, רפאנו ה׳ ונרפא, וואס געט ער צו הושיענו ונושעה, אוודאי אז דער אייבערשטער וועט אונז היילן, וועט מען ווערן געהיילט און געהאלפען. נאר מ׳בעט פונעם רבוש״ע צוויי זאכן. רפאנו ה׳ ונרפא, די עצם מחלה זאל דער אייבערשטער העלפן אז מ׳זאל געהיילט ווערן, אבער ביז ס׳וועט נעמען צייט אז די רפואה וועט זיין, צי אז ס׳איז נישט באשערט קיין רפואה, אז ס׳איז נישטא קיין רפואה, הושיענו, העלף אונז אין דעם מצב אליין וואו מ׳איז, ונושעה, זאלן מיר ווערן געהאלפען. א איד איינעם שווערן מצב וואו ער געפונט זיך, דארף ער אויך מתפלל זיין אז ס׳זאל אים גרינגער זיין.

## שתרחמני עוד בגלותי לגאלני

**די** גרעסטע צרה וואס ס׳איז דא ביי אידן איז דאך אונזער גלות. וואס מפני חטאינו גלינו מארצינו, מיר זענען פארטריבן פון ארץ ישראל שוין אזויפיל יארן, מ׳וואלגערט זיך ארום צווישן די אומות העולם מיט רדיפות, שוין אזויפיל יארן צרות וואס כלל ישראל איז אדורכגעגאנגען, און ס׳איז דאך זיכער ווען ס׳וועט קומען דער טאג וואס אלע אידן בעטן דערויף, אז דער אייבערשטער וועט אונז אויסלייזן, וועלן דאך אלע אונזערע פראבלעמען דעמאלטס אויפהערן, און אויף דעם זענען מיר מתפלל, וואס דאס וועט זיין איין ישועה וואס וועט כולל זיין אין זיך אסאך ישועות. אבער ווען אונז בעטן פונעם אייבערשטן, בעטן מיר אויף ביידע. אונז בעטן דעם רבוש״ע זאל שיקן פאר אונז די גאולה, און די אלע תפילות וואס ס׳איז דא אין שמונה עשרה אויף די גאולה. אבער מ׳זאגט פונעם בעלזער רב ז״ל, מ׳בעט שתרחמנו עוד בגלותי

לגאלנו, אז ביז דעמאלטס ווען ס'איז נאכנישט באשערט די ישועה, ס'איז נאכנישט די צייט אז ס'זאל קומען די גאולה, דארף מען בעטן אין דעם מצב וואו מ'איז, זאל דער אייבערשטער אויך רחמנות האבן אויף אונז. שתרחמנו עוד בגלותי, ביז ווילאנג מיר זענען נאך אין דעם גלות, לגאלנו, זאל אונז דער אייבערשטער אויסלייזן.

**יעדע** גרויסער פראבלעם וואס א מענטש האט, איז דא אסאך תוצאות וואס ס'ווערט נתפשט אויף אסאך ענפים אין דעם פראבלעם וואס ער האט. און דער מענטש — בדרך כלל — בעט נאר אויף איין זאך, אויף דעם שורש פונעם פראבלעם וואס ער האט, און נישט אייביג איז ער ראוי אז די תפלה זאל נתקבל ווערן, און אמאל איז דא אופנים וואס דאס איז היפך דרך הטבע אז ס'זאל נתקבל ווערן. א איד דארף בעטן פונעם אייבערשטן אפילו ס'איז דא א גזירה וואס ער אדורכגיין, ס'זאל זיין גרינג און ס'זאל אים נישט אנקומען שווער. **מיט די תפלה וואס ער איז מתפלל אויף די עיקר זאך, דארף ער בעטן פונעם אייבערשטן אויך אויף די אלע פרטי הדברים וואס קומען דערצו מיט, וואס אויף דעם זאל אים דער אייבערשטער העלפן אז ס'זאל גרינגערהייט אדורכגיין, ס'זאל נישט מער פארוויקלט ווערן.**

*

**מ'זעהט** ביי יעקב אבינו, וואס האט געדארפט אנטליפן פון עשו, ער האט געדארפט איבערלאזן דעם ביהמ"ד פון שם ועבר, איבערלאזן דעם טאטן'ס שטוב, ביי די זיבעציג יאר, און אוועקגיין צו א לבן אין שטוב. ויפגע במקום, ער האט זיך געשטעלט דאווענען און געבעטן פונעם אייבערשטן אויף זיין פראבלעם וואס ער האט, און ער האט געבעטן, אם יהיה אלקים עמדי ושמרני בדרך הזה אשר אנכי הולך (בראשית כח-כ), דער אייבערשטער זאל מיך אפהיטן אויף דעם וועג ווי איך גיי, ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש ושבתי בשלום, שלם מן החטא שלא אלמוד מדרכי לבן. יעקב אבינו האט משיג געווען, ער האט נישט געבעטן נאר אויף איין זאך, רבוש"ע איך וויל אהיימגיין! איך מוז אנטלויפן פון שטוב?, טו איבערדרייען די וועלט איך זאל קענען בלייבן ביי יצחק אבינו אין שטוב, איך זאל קענען בלייבן ביי מיין רבי'ן ביי שם ועבר. יעקב אבינו האט נישט אויף דעם געבעטן. ער האט געזעהן דאס איז א עת צרה וואס ער מוז עס אדורכגיין, בדרך הטבע האט ער נישט וואס אהיימצוגיין, ער קען נישט זיין מיט עשו צוזאמען. אבער אז ס'איז דא א פראבלעם, דארף מען בעטן יעצט אויף די תוצאות פונעם פראבלעם. איך גיי יעצט אויפן וועג, איך דארף האבן עסן, איך דארף שמירה, איך דארף זיין ביי לבן אין שטוב, איך דארף האבן שמירה איך זאל נישט נכשל ווערן ביי לבן אין שטוב. איך זאל קענען אויפשטעלן מיין שטוב. האט ער געבעטן אז דער אייבערשטער זאל אים געבן, אם יהיה אלקים עמדי ושמרני בדרך הזה, אז דאס איז דער וועג ווי איך דארף צו גיין, היט מיך עכ"פ אין דעם וועג. געב מיר לחם לאכול בגד ללבוש, ושבתי בשלום אל בית אבי, און ווען ס'וועט קומען די צייט, זאל איך קענען אהיימקומען בשלום.

*

**משה** רבינו, געפינט מען ער האט געוואלט אריינגיין אויף ארץ ישראל. ואתחנן אל ה' בעת ההוא (דברים ג-כג), ער האט געבעטן אעברה נא ואראה את הארץ הטובה, איך וויל אדורכגיין דעם ירדן אריינקומען אויף ארץ ישראל. לכאורה פארוואס איז ער מוסיף 'ואראה את הארץ הטובה', אוודאי אז ס'וועט זיין אעברה נא, ער וועט אריינגיין אויף ארץ ישראל, וועט ער דאך זעהן ארץ ישראל, וואס איז אעברה נא, ואראה את הארץ הטובה?. נאר משה רבינו האט געזאגט פאר'ן רבוש"ע, איך זעה אז מדת הדין איז מתוחה, איך בעט טאקע אזויפיל, פינף הונדערט תפילות בעט איך שוין, און דו ענפערסט מיר נאך נישט, איך בין נישט זיכער אז איך וועל קענען אויספועלן ביי דיר דעם אעברה נא, איך זאל קענען אריינגיין, אבער לו יהא אז נישט, דארף מען קוקן יעצט דעם בעק-אפ דערויף, וואס איז אז איך וועל נישט קענען אריינגיין אויף ארץ ישראל, איך וויל אבער 'זעהן' ארץ ישראל. איך וויל קענען זעהן גאנץ ארץ ישראל, וואס משה רבינו האט געהאט א ענין זוכה צו זיין און קונה זיין די קדושה פון ארץ ישראל. מיין ערשטע תפילה איז, אעברה נא, איך וויל אריינגיין. אבער טאמער דו געבסט מיר נישט נאך די תפילה פון אעברה נא, ס'איז דא א סיבה איך קען נישט אריינגיין, דעמאלטס אראה את הארץ הטובה, ווייז מיר עס כאטשיק. האט דער אייבערשטער געזאגט, יא, אריינגיין קענסטו נישט, אבער דו האסט געבעטן א צווייטע תפילה ואראה את הארץ הטובה, דאס קענסטו פועל'ן. ער האט אים געהייסן גיי ארויף ראש הפסגה ושא עיניך ימה וצפונה, וועסטו קענען זעהן ארץ ישראל.

**ווען** משה רבינו וואלט נישט מתפלל געווען נאר אויף אעברה נא, וואס די תפילה איז דאך געווען פארמאכט פאר משה רבינו, משה קען נישט אריינגיין אויף ארץ ישראל, און ער וואלט נישט געבעטן ואראה את הארץ הטובה, וואלט אים דער אייבערשטער נישט געזאגט גיי ארויף הפסגה ושא עיניך, אז מ'בעט נישט געט נישט דער אייבערשטער. משה רבינו האט מתפלל געווען דערויף האט אים דער אייבערשטער געהאלפן.

**ס'איז** א מורא'דיגער רמב"ן. דער רמב"ן זאגט אין פרשת שמות (ד-י), אז משה רבינו איז געווען א כבד פה, פארוואס האט אים דער אייבערשטער נישט אויסגעהיילט?, ער דארף זיין א רבי פון אידן, ער דארף לערנען תורה מיט אידן, פארוואס האט אים דער אייבערשטער נישט אויסגעהיילט פון צו זיין א כבד פה?. זאגט אויף דעם דער הייליגער רמב"ן, ווייל כי בהיות שמשה לא התפלל לפניו שיסיר כבדות פה. משה רבינו האט נישט מתפלל געווען צום אייבערשטן אז ער זאל עס פון אים צונעמען, מרוב חפצו שלא ילך לפרעה, ווייל ער האט נישט געוואלט דער אנהייב אז ער זאל דארפן גיין צו פרעה. **זאגט ער די הייליגע לשון: "והקב"ה כיון שלא התפלל בכך לא רצה לרפאותו". ער איז געבליבן א כבד פה זיין גאנץ לעבן, ווייל ער האט נישט געבעטן פונעם אייבערשטן דערויף. אז מ'בעט נישט, געט מען נישט קיין מתנות, מ'געט נישט קיין זאך אין הימל אומגעבעטן. א איד דארף אויף יעדע זאך בעטן און מתפלל זיין צום אייבערשטן, דעמאלטס העלפט אים דער באשעפער.**

## תפלה על זיווגו ושלום ביתו

**מ'לערנט** דאך מסכת ברכות יעצט אונזער ציבור דא. די גמרא אין ברכות (דף יז) ברענגט דארטן די אלע תפילות וואס די אמוראים האבן מתפלל געווען צום סוף פון זייער שמונה עשרה. ס'איז דא א תפלה וואס אונז זאגן אויך אין סוף פון שמונה עשרה, אלקי נצור, די תפלה שטאמט פון מר בריה דרבינא, ער האט מתפלל געווען די תפלה. אין די גמרא איז א לענגערע נוסח ווי דאס וואס אונז זאגן, אין א חלק סידורים שטייט עס יא. איינע פון די תפילות וואס ער האט געבעטן איז, ותצילנו מפגע רע ומיצר רע ומאשה רעה. דער אייבערשטער זאל אים מציל זיין פון א פגע רע און פון יצה"ר און פון א אשה רעה, פון א שלעכטע ווייב. ס'קוקט עפעס אויס, אז מר בריה דרבינא, איז געווען אן אלטער בחור, און ער האט געדארפט א שידוך, און ער האט מתפלל געווען אויף זיין זיווג, און ער האט געבעטן פונעם רבוש"ע, באשעפער שיק מיר צו א זיווג און ער זאל נישט צוקומען צו קיין אשה רעה. מר בריה דרבינא מסתמא איז שוין דעמאלטס געווען א גרויסער מענטש, אז די גמרא ברענגט אים צו, ער האט שוין זיכער געהאלטן נאך די חתונה, וואס האט ער מתפלל געווען יעצט אז דער אייבערשטער זאל אים אפהיטן

מאשה רעה, אז ער איז אריינגעפאלן מיט א אשה רעה, איז נישטא וואס דער אייבערשטער זאל אים קענען מציל זיין דערפון?

**האב** איך געזעהן אין הגהות פונעם יעב"ץ אויפן פלאץ. זאגט ער צוויי דרכים, איינס, אף על פי שיש לו אשה, שמא תמות וישא אחרת, ער האט מתפלל געווען וואס וועט זיין טאמער וועט זיך מאכן אז זי וועט שטארבן, און ער וועט דארפן נאכאמאל חתונה האבן, האט ער מתפלל געווען בחייה אז דער אייבערשטער זאל אים געבן, אז יארן שפעטער אויב ער וועט דארפן נאכאמאל חתונה האבן, זאל ער נישט אריינפאלן מיט קיין אשה רעה. או שלא תחמיץ אם היא טובה, דער אייבערשטער זאל אים העלפן אז זי זאל נישט ווערן קיין אשה רעה, אז זי איז יעצט א אשה טובה, זאל זי בלייבן א אשה טובה, און זי זאל נישט ווערן קיין אשה רעה.

**ס'איז** א געוואלדיגע מוסר השכל די תפלה. לעולם יקדים אדם תפלה לצרה, אפילו ווען מ'האט א אשה טובה, דארף מען מתפלל זיין דער אייבערשטער זאל העלפן ס'זאל אנהאלטן די ברכה וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן. ס'קען דאך נתהפך ווערן אויכעט. ס'זאל נישט נתהפך ווערן אז זי זאל ווערן א אשה רעה. - און ס'איז דא א מקום מתפלל זיין, אפילו אויף א פראבלעם וואס ס'האט זיך נאך נישט אנגעהויבן, ער האט נאך זיין זיווג, ער האט א אשה טובה מיט וועם ער לעבט, און טאמער ס'וועט זיך מאכן ח"ו עס וועט זיך טוישן, זאל דער אייבערשטער דעמאלטס אים אפהיטן ער זאל נישט צוקומען צו קיין אשה רעה. — אזוי טייטשט דער הייליגער יעב"ץ.

**לויט** דעם וואס מיר האבן פריער גערעדט, איז דער פשט אויף נאך א נקודה וואס ס'איז דא דערין. א מענטש איז יא אריינגעפאלן מיט א אשה רעה, קוקט אויס אז עס איז שוין נישטא וואס צו בעטן. ער האלט זיך נישט ביים גט'ן, און ער האלט זיך נישט ביים אפטיילן, עכ"פ מוז ער שוין אזוי לעבן. וויפיל תפילות דארף מען האבן אז מ'האט שוין א אשה רעה. ס'איז דאך דא אזויפיל דרגות אין א אשה רעה. א אשה רעה איז דאך אויך נישט שלעבט פיר און צוואנציג שעה אינעם טאג, מ'האט דאך אויך זמנים ווען מ'לעבט גוט. דארף מען מתפלל זיין דער אייבערשטער זאל אים מציל זיין אין דעם מצב וואס ער איז, אפילו ווען ער האט א אשה רעה, זאל דער אייבערשטער מציל זיין ס'זאל נישט זיין אזוי שווער זיין מצב, ס'זאל אים גרינג זיין הן בכמות והן באיכות, ער זאל זיך קענען מתגבר זיין, ס'זאל זיין רוהיג אין שטוב, ס'זאל נישט זיין קיין מחלוקת אין שטוב. ס'זאל נישט אקעגן די קינדער אויסקלאפן עפעס. תפלה פון א איד איז שייך אין אלע מצבים, ווי ער געפינט זיך דארף ער מתפלל זיין אין דעם מצב וואו ער איז, אפילו ווען ער איז נישט זוכה ארויסצוקריכן דערפון, זאל אים דער אייבערשטער העלפן.

## התפלה תלוי בעומק אמונתו בהשגחת הבורא

**תפלה** איז פון די דברים וואס זענען עומדים ברומו של עולם. **ווי מער א מענטש איז א מאמין אינעם אייבערשטן, זיין אמונה לייכט ביי אים, ווייס ער מער צו שעצן דעם גודל כח התפלה. ווען ביי איינעם לייכט, נישט נאר ער זאגט עס סתם אזוי, ער לעבט דערמיט, אז הבורא יתברך שמו בורא ומנהיג לכל הברואים, אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט און ער פירט אלעס וואס ס'איז דא אויף דער וועלט, והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים, אלעס קומט פונעם אייבערשטן, אלעס איז מושגח פונעם אייבערשטן מיט אן השגחה פרטית. ער גלייבט אז דער אייבערשטער שטייט לעבן אים יעדע רגע, און דער אייבערשטער געט אים אלעס וואס ער האט - דער דאוונט אנדערש! ווען ער ווייסט אז אלעס איז פונעם רבוש"ע, טוט ער זיך מער מתאמץ זיין ביים דאווענען צו בעטן וואס מ'דארף.**

**א** איד דארף דאס שטענדיג חזר'ן ביי זיך, אז דער אייבערשטער איז אייביג מיט אונז, און דער אייבערשטער איז א גוטער, ער איז א טוב ומטיב לכל, אונז פארשטייען נאר נישט אלץ די דרכים פונעם באשעפער, און אלעס איז אין די האנט פונעם אייבערשטן, און אמאל מיט א גוטע תפלה און אמאל מיט א קאפיטל תהלים, קען מען פועלן ביים רבוש"ע וואס מ'דארף.

**זיך** געוויינען צו זאגן אני מאמין בכוונה, און נישט נאר סתם דאס זאגן, טראכטן דערפון! אויך אין מיטן טאג, ווען מ'האט פרייע צייט. ווי דער הייליגער רבי ר' אלימלך שרייבט אין צעטל קטן מען דארף דאס שטענדיג מעלה זיין במחשבה, און טראכטן אסאך דערפון ווי דער רבוש"ע שטייט נאנט צו א איד. האמנתי כי אדבר (תהלים קטז-י), שטייט אין הייליגע ספרים, וויאזוי קומט א איד צו צו אמונה, כי אדבר, ווען מ'רעדט דערפון, די ריבוי הדיבור וואס א מענטש רעדט דערפון, ברענגט אים צו אמונה. קוקן אין הייליגע ספרים און לערנען חסידישע ספרים. הערן שמועסן פון קדושה וואס ברענגט אריין אמונת אלקי עולם זיך מחזק צו זיין.

## התפלה מחזק האמונה והבטחון

**אמונה** ברענגט ארויס די תפלה ביי א איד. און פארקערט אויכעט, די תפלה ברענגט אמונה אינעם אייבערשטן. ווען א איד איז מרבה בתפלה, די פסוקי דזמרה איז נישט אפגעכאפט. פסוקי דזמרה ווען ער דאווענט עס מיט אביסל ישוב הדעת, איבערטראכטן די ווערטער וואס מ'זאגט. אז מ'האט נישט קיין צייט אינדערוואכן, אבער שבת, א יום מנוחה, ס'איז דא צייט, רוהיג, ס'יאגט אים גארנישט, איז דאס דאווענען א מוסר ספר. א פשוט'ע פסוקי דזמרה וואס א איד גייט אדורך, **ווען ער טראכט אריין די גרויסקייט פונעם אייבערשטן און גדולת הבורא, און אז דער אייבערשטער געט אלעס פאר'ן מענטש. וויפיל התחזקות באקומט א איד ווען ער זאגט, לך ה' הממלכה והמתנשא לכל לראש, אלע גרויסקייט איז אין די הענט פונעם אייבערשטן, והעושר והכבוד מלפניך ואתה מושל בכל, ובידך כח וגבורה ובידך לגדל ולחזק לכל, אלעס קען ער טרעפן זיך אנכאפן אין די ווערטער.** — דאס איז נאר איין פסוק. אין יעדן פסוק פון פסוקי דזמרה קען א איד ארויסנעמען אמונה און בטחון אינעם אייבערשטן, אשר מאתו לא תצא הרעות.

**יעדער** איינער האט פארשידענע זמנים, אומאנגענעמע מצבים אינעם לעבן. נאר דער בטחון אינעם אייבערשטן, וואס א איד האט א שטארקן בטחון אינעם באשעפער, דאס גיט אים חיזוק און שטארקייט ער זאל קענען אויסהאלטן. דאס געט אים שמחת החיים, א צופרידענהייט אינעם לעבן, א שמחה אינעם לעבן, אז די שטוב זאל זיין אויפגעלעבט. וויפיל בטחון א איד האט, מיט וואס פארא אמונה ער גייט צו דערצו, לויט דעם איז זיין שמחת החיים.

## האויר של שמחה בבית משפיע הרבה על חינוך הבנים

**שמחה** פאר זיך אליין איז דאך א געוואלדיגע מדה טובה, אבער וואס שמחה טוט אויף אין א שטוב, וויפיל דאס איז משפיע אויף די בני בית. די לופט אין א שטוב דארף זיין שטענדיג אנגענעם, א פרייליכע לופט. נאר אין אזא שטוב ווי ס'איז פריילין, א שטוב וואס איז אנגענעם, ווערן ערצויגן קינדער ווי ס'דארף צו זיין! ווען קינדער געפינען זייער רוהיגקייט אין די שטוב, דער מנוחת הנפש איז אינדערהיים. א שטוב וואס ס'איז נישטא קיין אנגעצויגענהייט, מ'קריגט זיך נישט, מ'הערט נישט ווי איינער רעדט מיט א הויך קול אויפן צווייטן. אין די שטוב ווערן ערצויגן נארמאלע געזונטע קינדער.

**אונזערע** עלטערן - מ׳רעדט פון א דור פון פריער, וואס זיי האבן מיטגעמאכט א קריג. זיי האבן אלעס פארלוירן. מ׳האט פארלוירן ווייב מיט קינדער, טאטע מאמע, ברידער שוועסטער, פרנסה, זייער הויז, זייער פארמעגן, מ׳איז ארויסגעקומען אהער בעירום ובחוסר כל. א גרויס טייל אידן האבן נישט געהאט גארנישט. מ׳האט אנגעהויבן דא א נייע לעבן, פון אנהייב. מ׳איז זיכער געווען צעבראכן אינעווייניג אינעם הארץ אויף שברי שברים פון וואס מ׳האט איבערגעלעבט. אבער ס׳איז געווען אזא רוהיגקייט אין א שטוב, אזא פרייליכקייט איז געווען אינדערהיים, קיינמאל נישט ארויסגעברענגט און געשמועסט פון די פראבלעמען און די צרות וואס מ׳איז אדורכגעגאנגען, מ׳האט געוויסט אז מ׳דארף אנהייבן פון דאסניי, אונז דארפן ערציען פרישע דורות פרישע קינדער, און אלעס איז געווען מיט א רוהיגקייט אז די קינדער זאלן זיך גוט געפינען אינעם שטוב.

**דאס** האלט היינט די דורות, דאס וואס ס׳איז דא א שטוב וואס איז רוהיג. **וויפיל קאפ דארף א איד ארײנלייגן דערין, זעהן מיין שטוב זאל זיין רוהיג. אלע פראבלעמען וואס איך האב, נישט ארײנברענגען אינדערהיים. אלע עגמת נפש וואס מ׳האט, נישט דאס אויסגיסן אין שטוב אקעגן די קינדער. פראבלעמען וואס מ׳האט אמאל מיט די בני בית, מסדר זיין עקסטער אין א ווינקל, נישט אקעגן די קינדער!. אקעגן קינדער דארף זיין א שיינע רוהיגע שטוב, דעמאלטס קען מען מחנך זיין ערליכע דורות.**

**אונז** ווייסן מיר, אז היינט בעוה״ר נישטא אפילו איין שטוב וואס קען זיין פארזיכערט אז זיינע קינדער וועלן ממשיך זיין דרכי התורה. מ׳זעהט היינט ליידער ביי די שענסטע משפחות, משפחות מיוחסות בישראל, וואס ס׳טוט זיך אפ ליידער מיט די יונגווארג. מ׳דארף אסאך בעטן מתפלל זיין אויף די המשך פון די דורות, אז דער אייבערשטער זאל געבן מיר זאלן האבן קינדער תלמידי חכמים, קינדער יראי ה׳, קינדער וואס זיי האלטן שבת, קינדער וואס זאלן זיין מאמינים באלקי עולם. מתפלל זיין און בעטן פונעם אייבערשטן אויף די המשך הדורות, אתה ה׳ תשמרם תצרנו מן הדור זו לעולם.

**אבער** אונז פון אונזער זייט, זענען מיר מחוייב צו טוען וואס אונז קען מיר, צוצוהעלפן דערצו אז מיר זאלן קענען מחנך זיין ערליכע דורות. **חנוך לנער על פי דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנה, מ׳דארף געבן אזא חינוך פאר א קינד, אז אפילו דאס קינד ווערט עלטער, ס׳זאל זיך נישט קענען אפטוען פון אים דאס וואס מ׳האט אים מחנך געווען. שטענדיג ארויפברענגען פאר די שטוב די שיינקייט פון אידישקייט! וואס אזאנס געפינט מען נישט ביי קיין שום אומה ולשון, די שיינקייט וואס איז דא ביים כלל ישראל.**

**איך** האב געהאט א קרוב, א מאדערנער, האט ער מיר אמאל געזאגט: עטץ ווייסט נישט [אויף אונז חרד׳ישע אידן] צו שעצן וואס פארא שיין לעבן עטץ האטס! עטץ ווייסט אפילו נישט וואס עטץ פארמאגט. מיר זענען אזוי צוגעוואוינט אז אונז מיינען אז ס׳קומט אזוי, איך קום פון אינדרויסנדיגע וועלט, איך זאג דיר, אז דו ווייסט נישט צו שאצן וואס דאס מיינט א ערליכע שטוב. ס׳איז די שענסטע שיינקייט פון אידישקייט. - דאס דארף מען שטענדיג ארויסברענגען פאר די קינדער, אז מ׳פארציילט א סיפור וואס ליגט דערין עפעס א שיינע מדה, א התנהגות וואס איז שיין, מדגיש צו זיין ״נאר ביי אידן קען מען געפינען אזא דערהויבענקייט״. ״נאר ביי אידן וואס זענען שומרי תורה ומצוות, איז דאס דא״. מרבה זיין בשבחם של תלמידי חכמים, זיך בענטשן אקעגן די קינדער, זיך ווינטשן אקעגן די קינדער, הלוואי זאלט עטץ אויך אויסוואקסן אזויווי דער ערליכער איד, ווי דער צדיק.

## האב מחנך את ביתו בהתנהגותו

**עלטערן** דארפן זיין א מוסטער אין שטוב, אז ס׳זאל נתאהב ווערן שם שמים וויאזוי זיי פירן זיך. קינדער וואס זעהן צו עלטערן וואס פירן זיך מיט ישרות און ערליכקייט, דאס ווערט א נחלה ביי די קינדער נאכצוגיין אין זייערע וועגן. - פארקערט אויכעט, ווען א קינד זעהט עס נישט ביים טאטען. דער טאטע קומט אהיים דער קאפ ליגט אים נישט אין שטוב, דער קאפ ליגט אים אין זיינע טעכנאלאגישע כלים וואס ער ברענגט אריין - וואס בעצם איך רעד נישט יעצט פון זיין חלק, וואס א איד דארף זיין אפגעהיטן דערפון, מ׳זעהט דאך די תוצאות דערפון, וויאזוי ליידער מ׳ווערט פארפאלן. **נאר אפילו וואס ס׳איז שוין יא דא א פילטער, שוין יא געמאכט די הייליגסטע משומר וואס ער קען האבן, אבער אז דאס קינד זעהט דער טאטע איז ביזי שטענדיג מיט זיין טוי וואס ער האט, אין דעם ליגט אים דער קאפ, ער איז שטענדיג פארנומען מיט א מעסידזש מיט א קליפ וואס מ׳האט אים אריינגעווארפן, צי דאס איז בהיתר צי דאס איז באיסור — וואס קען שוין דאס קינד נתחנך ווערן? דאס קינד וועט אים נאכמאכן, מיט אסאך און אסאך מדריגות מער ווי דער פאטער איז געגאנגען!**

**פארקערט, ווען ער קומט אהיים און קינדער זעהן ווי דער טאטע נוצט אויס יעדע פרייע צייט פאר תורה, דאס ברענגט אריין אהבת התורה אין די קינדער אן א ווארט רעדן. מ׳דארף נישט רעדן, מ׳דארף נישט מחנך זיין, מ׳זעהט עס צו מיט די אויגן, טוט עס אויפברענגען קינדער תלמידי חכמים.**

## לימוד תורה בחבורה, והבחינות מידי חודש בחדשו

**ס׳איז** לעצטנס פארמערט געווארן חבורות אין שיעורי תורה. ביי אונז אין די קהלה אויכעט, הונדערטער יונגעלייט וואס האבן זיך צוגעשטעלט דערצו, צו די חבורה פון ״ובהם נהגה״. איך בעט יעדן איינעם, ווער ס׳האט נישט קיין שיעור קבוע, זאל זיך משתתף זיין אין די חבורה, וועט ער זעהן די תוצאות, ס׳וועט ווערן א אנדערע שטוב, **א שטוב ווי מ׳איז פארנומען מיט תורה און מ׳איז נישט פארנומען מיט הבלי עולם הזה, איז ער אנדערש, זיין שטוב ווערט אנדערש.** ס׳איז דא די חבורה פון ״ושננתם״, איבער׳צו׳חזר׳ן נאכדעם וואס מ׳האט געלערנט, נעמען א בחינה דערויף. דאס איז א עקסטערע מעלה ווען מען שטעלט זיך צו דערצו, ווען ער ווייסט אז ער דארף האבן א בחינה אויף וואס ער האט געלערנט אין משך פונעם חודש, איז מעיקרא ווען ער לערנט עס, לערנט ער עס שוין אנדערש, ער לייגט צו קאפ ווייל ער דארף דאך דאס פארשטיין, און ער וועט עס דארפן נאכדעם פארהערן, און ער טראכט א גאנצן טאג אין תורה, דאס הייבט אויף א איד. דאס איז די איינציגע זאך וואס אונז האבן מיר היינט. אונזערע קינדער אונזערע דורות זענען די חשוב׳סטע וואס אונז פארמאג מיר.

**היינט** איז יעדעס קינד ״עט-ריסק״ ווי מ׳רופט עס. יעדעס קינד וואס איז היינט דא אויף דער גאס ווייס מען נישט וואס ס׳וועט פאסירן מיט אים - און מיר דארפ׳ן טוען וואס אונז קען מיר. מיר זענען נישט קיין מלאכים, אבער וואס אונז קענען דארפ׳ן מיר טוען, **אריינברענגען אהבת תורה, ארויסברענגען די שיינקייט פון תורה, די שיינקייט פון אידישקייט, ארײנלייגן וויפיל אונז קענען מיר אין אונזערע קינדער אויף א רוהיגן וועג, א רוהיגע שטוב, א שטוב ווי א קינד זאל נישט וועלן אנטלויפן, ער זאל נישט טרעפן א שענערע שטוב אויף דער גאס ווי ער קען עס טרעפן אינדערהיים - דאס האלט אויף אונזערע דורות.**